# פנים מאירות א לעכטיגן גוט מארגן א שבוע של שבועות ראש חודש סיון תשפו

**קול פנים מאירות 845-414-8211 מערכת 845-414-8212**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת, די וואך פון שבועות, ראש חודש סיון תשפ״ד. היום חמשה וארבעים יום שהם ששה שבועות ושלושה ימים לעומר. א פרייליכן און א לעכטיגן, געבנטשן, גוט מארגן, א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן טאג, און א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן חודש, און א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן יום טוב, און א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן תמיד. הייליגע, לעכטיגע, פרייליכע, לוסטיגע אידישע קינדערלעך.

אין זוהר הקדוש פרשת אחרי שטייט דארט אזוי, דער הייליגער באשעפער זאגט ״יונתי בחגוי הסלע״. אידישע קינדער זענען צוגעגליכן צו א טויבעלע, ווען זיי זענען אין אן עת צרה חלילה, זיי באהאלטן זיך אין די לעכער פון די פעלזן שטיינער, זיי זענען אין אזא צרה, זיי זענען אזוי פארווייטאגט, זיי באהאלטן זיך, זיי זוכן א לאך וואו זיך צו באהאלטן. ״בסתר המדרגה״ ווען ס׳איז דא א הסתר פנים, א הסתר בתוך הסתר, זאגט אבער דער הייליגער באשעפער, ״הראיני את מראיך״, ווייז מיר דיינע צדקות, ״השמיעני את קולך״, דאוונען צו מיר, ״כי קולך ערב״, איך האב ליב דיין קול, ס׳איז זיס פאר מיר, איך וויל דיר הערן דאוונען, ״ומראך נאוה״, איך וויל זען דיינע ערליכקייטן צו קענען ווייזן פאר די גאנצע וועלט ווי ערליך דו ביסט, ווי הייליג דו ביסט, ווי לעכטיג דו ביסט.

דער הייליגער באשעפער שיקט שוועריקייטן פאר א מענטש נאר פאר דעם, ווייל דער אייבערשטער וויל ארויסברענגען די לעכטיגקייט פון א איד, די הייליגקייט פון א איד, די שטארקייט פון א איד. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר גייען מיר מקבל זיין די תורה, פרייטאג ערב שבת קודש, שבת קודש, הכל מודים אז בשבת ניתנה תורה, אזעלכע הייליגע פרייליכע טעג. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אזוי ווי די אידן אין מדבר האבן מסיח דעת געווען פון אלע פראבלעמען, פון אלע דאגות, פון אלע פחדים, זיי האבן געלעבט רואיגער ווי רואיג, אלעס איז זיי געגאנגען געשמירט, די ענני הכבוד האבן זיי געפירט, זיי האבן געהאט לחם מן השמים, זיי האבן גארנישט געדארפט טון אליין, נאר לערנען, דאוונען, און זיך גרייטן בקדושה ובטהרה מיט אמונה פשוטה אינעם הייליגן באשעפער.

לאמיר אונז אויך חזר׳ן, אונז גייען מיר מקבל זיין די תורה באחדות, בשמחה, מיט אמונה פשוטה, מיט א פנים מאירות גייען מיר אויפנעמען דעם הייליגן יום טוב. **איך דארף פון קיינעם גארנישט, נאר פונעם הייליגן באשעפער. איך דארף נישט א שמייכל, איך דארף נישט קיין קאמפלימענט, איך דארף נישט קיין גוט ווארט, איך דארף נישט קיין כבוד, איך דארף נישט קיין געפיל, איך דארף גארנישט פון קיינעם אויף די וועלט. אלעס וואס איך דארף, דארף איך פונעם אייבערשטן. און וואס איך דארף, איך האב, ווייל איך מאך די ברכה פון ״שעשה לי כל צרכי״. און וואס איך האב נישט, דאווען איך און איך בעט דעם אייבערשטן, ווייל דער אייבערשטער וויל מ׳זאל דאוונענען צו אים. איך טראכט וואס איך קען מתקן זיין, תורה, עבודה, מידות טובות, קדושה, טהרה, בין אדם למקום, בין אדם לחברו, וואס איך קען מאכן תיקונים כפי מיינע כוחות, און די איבריגע זאג איך, ״רבונו של עולם, הייליגער באשעפער, יישר כוח. איך גלייב אין ׳טוב ה׳ לכל ורחמיו על כל מעשיו׳, ׳מה׳ מצעדי גבר כוננו׳״. איך האב אלעס. וואס איך האב נישט, דארף איך נישט.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען א מענטש זאגט די ווערטער, ער שפירט נישט גוט. ווען א מענטש טראכט נאר די ווערטער, ער שפירט נישט גוט. איך קען נישט האבן?, איך קען נישט באקומען?, פארוואס א צווייטער האט יא?, און וואס איז די חוצפה פון יענעם?, און פארוואס טוט מען מיך אזוי ווי?, און פארוואס האט מען מיך אזוי מצער?, איך האב אזעלכע בענקעניש, איך האב אזעלכע ווייטאג, איך האב אזעלכע יסורים.

הייליג לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז די יצר הרע וואס זיי ווילן אונז צושטערן מקבל זיין די תורה מתוך שמחה, מתוך אמונה פשוטה, מתוך בטחון, און מתוך שלום. הייליג לעכטיגע אידישע קינדער, אונז גייען מיר זיך שטארקן. **מוח שליט על הלב. דער אייבערשטער וויל זען אונזערע כוחות, און אז ער פרובירט אונז, האבן מיר די כוחות.** קיינער קען אונז נישט שלעכטס טון, קיינער קען אונז נישט צונעמען, קיינער קען אונז נישט כליא לייגן, קיינער קען אונז נישט צורעכט שטעלן, קיינער קען אונז נישט פאררעכטן, קיינער קען אונז נישט טוישן, אלעס טוט דער אייבערשטער. **טאטע, אזוי ווילסטו, דאס וויל איך. רצונינו לראות את מלכינו. מיר זאגן נעשה! אונז טוען מיר אלעס אזוי ווי דער אייבערשטער וויל, פאר איך פארשטיי, אן דעם וואס איך פארשטיי. דערנאך נשמע! איך בין דא צו הערן, וואס נאך דארף איך טון? איך גיי, איך בין גרייט! אונז זענען געטרייע קינדער און געטרייע סאלדאטן.**

הייליג לעכטיגע אידישע קינדער, חזר׳ן, איבערזאגן, זיך משכנע זיין, שווענקן די מוח, ביז ס׳ווערט ביי אונז א טבע ראשון בעזרת השם ובסיעתא דשמיא. דאס איז די רעכטע קבלת התורה, דאס איז די אמונה, דאס איז כאיש אחד בלב אחד, דאס איז אהבה ואחוה שלום ורעות, דאס איז ביטול הרצון צו די רצון השם, און דאס איז די פשוט׳ע קבלת התורה, אן קיין מדריגות, פשוט. **טאטע סאיז גוט, טאטע סאיז גוט, טאטע סאיז גוט. ס׳איז**

**געוואן גוט, ס'איז גוט, און ס'וועט זיין גוט. אכן אתה אתה קל מסתתר, אכן אתה אתה קל מסתתר, אכן אתה אתה קל מסתתר. טאטע, אונז גלייבן, אונז זוכן נישט צו פארשטיין, אונז דארף מען נישט פארשטיין, אונז בעט מען ביי דיר, געב אונז די כוחות. איך גלייב איך האב עס, איך האב די כוחות, איך האב די מוחות, איך האב אלע צוגעהערן וואס מ'דארף צו דעם אמונה פשוטה, איך דראפע מיך אויף גראדע וועגט, איך כאפ מיך אן אין די שטריק פון ר' ר' אלימלך, אבער אמונה האב איך, בטחון האב איך, שמחה האב איך, איך בין מיט יעדעם בשלום, און איך פאדער פון קיינעם גארנישט, און איך האב פון גארנישט מורא, דו טוסט אלעס הייליגער באשעפער. איך טראכט, ווער טוט מיר די אלע זאכן? טאטע, דו! הא הא הא, ס'איז אזוי זיס, ס'איז אזוי גוט, יישר כוח הייליגער באשעפער.**

מ'פארציילט ס'איז געווען איין ערב שבועות וואס ס'האט זיך אנגעפאנגען די צווייטע וועלט קריג, איז געווען ר' פייוול שמש, אין איינע פון די בתי מדרשים איז ער געווען דער שמש, ער האט זיך נישט גערעכנט מיט'ן מצב, ער האט ארומגענומען די בית המדרש מיט הערליכע בלומען, מיט הערליכעביימער, די בית המדרש האט ערב שבועות צופרי געשמעקט א פרישקייט פון בלומען, פון רויזן, פון ביימער, אזוי ווי א בית המדרש דארף אויסקוקן לכבוד די הייליגע יום טוב שבועות, מקיים צו זיין דעם מנהג ישראל תורה. און פלוצלינג האט מען געהערט דאס וואס מ'האט נעבעך נישט געוואלט הערן, אז די דייטשן ימח שמם וזכרם לעולמי עד זענען אנגעקומען אינעם שטאט. ס'איז צוגעפאלן א פחד, מענטשן זענען געלאפן זיך באהאלטן אין בוידעמס, אין בונקערס, און וואו מ'האט נאר געקענט. מ'האט באהאלטן געלט, מ'האט באהאלטן זילבער, מ'האט באהאלטן יעדער טייערע חפץ, מ'האט געהאפט, מ'האט געהאפט אז מ'גייט קענען איבערלעבן און עפעס ראטעווען.

דער ר' פייוול שמש האט מחליט געווען, "וואס, דייטשן, גוים, שקצים? איך האב נישט מורא פון זיי. איך האב סאך א גרעסערע דאגה, איך האב סאך א גרעסערע זארג: זיי זאלן נישט אנרירן די בית המדרש, זיי זאלן נישט לייגן א האנט אויף די תשמישי קדושה, אויף די ספרי תורה, אויף די ספרים, אויף די הייליגע זאכן וואס איז דא אין דעם הייליגן מקום קדוש, די בית המדרש."

ער איז אריבערגעלאפן די גאס, ער האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבן. א בריאה האט מען נישט געזען אויף די גאס, פליגן האבן מורא געהאט צו פליען אויף די גאס פון די דייטשע רשעים ימח שמם וזכרם, פון זייער פארביסענע רשעות. יעדער האט געציטערט. ער האט איינגעשטעלט, ער איז געשטאנען ביי די טיר פון בית המדרש, גרייט אויף א קאמף.

און ס'האט טאקע נישט גענומען לאנג ביז די דייטשע סאלדאטן זענען אנגעקומען און זענען אריינגעגאנגען אין בית המדרש. און דער פייוול איז געווען גרייט אז טאמער זיי לייגן די הענט אויף תשמישי קדושה, גייט ער הייבן הענט, ער גייט זיך נישט לאזן. א תמימות'דיגער, ערליכער איד. די הייליגטום פון כלל ישראל, די קדושתן פון כלל ישראל, אונזער בית המדרש, אונזער תורה, אונזער תשמישי קדושה, דאס האט אים געברענט. זיין אייגענעם לעבן האט ער נישט געטראכט א רגע.

אוי, הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר שרייען "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ"! הייליגער באשעפער, דו זעסט וואס דו האסט, ביסט נישט באנקראט, ברוך השם.

איז אנגעקומען דער גאנצער מיליטער, און דער ראש, דער הויפט גענעראל, געט א שריי, זאגט ער פאר דעם פייוול, פאר דעם איד, "פאר וועם האסטו געמאכט אזוי שיין דעם בית המדרש?" אזוי הערליך און אזוי שמעקעדיג. האט ער געענטפערט, "וואס הייסט פאר וועם? פאר'ן גענעראל! איך האב געזען אז דער גענעראל קומט מיט א גאנצע מיליטער, האב איך אים געוואלט שיין אויפנעמען."

דער שוטה, דער גענעראל, האט עס אנגענומען, און ער איז געווארן זייער משוחד און זייער פריילך, און ער האט געזאגט פאר די גאנצע אפטיילונג זיינע, "ארויס פון דעם שטאט! דא טשעפעט מען נישט מיט קיין אידן. זיי האבן אים אזוי שיין אויפגענומען." ער איז אזוי נתפעל געווארן. ער האט געראטעוועט, דער פייוול, דעם גאנצן שטאט, נישט נאר זיך און דער בית המדרש.

א הפלא'דיגע מעשה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. וואס איז די הפלא'דיגקייט פון די מעשה? וואס איז אונזער תכלית החיים? איך, מיך, זיך? וואס איז די תכלית פון אונזער לעבן? שלאפן, עסן און טרינקען? כבוד, קנאה, שנאה, תאוה? וואס איז די תכלית פון אונזער לעבן? באקומען פון מענטשן? הענגען אויף מענטשן? זיין א שנארער און דארפן צוקומען צו מענטשן? האבן צו טון מיט מענטשן, זיך קאכן, זיך עסן? דאס איז די תכלית? פאר דעם האט דער אייבערשטער אונז באשאפן? **דער אייבערשטער האט אונז באשאפן מיר זאלן גארנישט וועלן נאר דעם אייבערשטן. נישט קיין קינדער, נישט קיין אייניקלעך, נישט קיין תלמידים, נישט קיין שכנים, נישט קיין חסידים, נאר דעם אייבערשטן. "טאטע, נאר דיך!" אזוי ווי דער פייוול וואס האט אלעס אוועקגעקוקט, זיך, זיין משפחה, נאר פאר דעהם דעם אייבערשטן, דעם אייבערשטנ'ס שטוב, דעם**

**אייבערשטנ׳ס וואוינארט, דעם אייבערשטנ׳ס תשמישי קדושה, דאס האט געקאכט.**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז מען קאכט זיך אזוי אינעם אייבערשטן, העלפט דער אייבערשטער און ער שיקט ישועות. מ׳איז אן אויפגעראכטענער!**

האט פארציילט דער באבובער רב פון בארא פארק, דער דברי שלמה זכר צדיק לברכה, א מעשה וואס איז געווען מיט זיין טאטן דער קדושת ציון, האט ער פארציילט אזוי: צווישן די תלמידים פון זיין טאטן האט ער געהאט א בחור וואס האט געהייסן נפתלי אהרן. ער האט געלערנט אין דער באבאווער ישיבה אין וויזשניצא, און מ׳האט אים גערופן אהרן בארניווער, ווייל נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין בארניוו. מ׳פלעגט רופן זייער אסאך מענטשן אויף די שטאט וואו זיי האבן געוואוינט. א האלב יאר נאך די חתונה איז ער געקומען צום קדושת ציון, געקומען מקבל זיין פני רבו. דער קדושת ציון האט אים געפרעגט וואס ער מאכט, וויאזוי ס׳גייט זיין לעבן, זיין לערנען, וויאזוי ער טוט זיך איינגלידערן דארטן אין בארניוו. ער האט אים שיין אויסגעפרעגט. נאכדעם זאגט אים דער קדושת ציון אזוי: ״דו ביסט דאך א יונגערמאן, א נייער תושב אין דער שטאט בארניוו. פארוואס ביסטו אהער געקומען און דו האסט מיר נישט געברענגט גארנישט קיין חסידים פון בארניוו?״

דער אהרן בארניוור האט זיך זייער געוואונדערט. קיינמאל נישט געהערט אז דער קדושת ציון בעט פון די תלמידים אז מיר זאלן ברענגען חסידים. עפעס שטימט נישט דא, ס׳איז נישט זיין שפראך. און בכלל האט ער געהאט חסידים זייער אסאך, גענוג און נאך. וואס האט ער געוואלט אז ער זאל אים מיטברענגען פון בארניוו פרישע חסידים? אבער אויף א רבי׳ן פרעגט מען נישט קיין קשיות. דער רבי הייסט, טוט מען.

ער איז צוריקגעפארן אויף בארניוו, און ער האט כסדר געזוכט ועמען ער קען איבערערעדן אז די קומענדיגע מאל ווען ער גייט פארן צום קדושת ציון זאל ער קענען מיטברענגען א חסיד. אבער ער איז נישט געווען בטבע אזא איינער וואס מאכט א גרויסן איינדרוק ביי מענטשן, א גרויסער רעדנער, א צורעדער. ס׳איז בכלל נישט געווען זיין אומנות. נישט יעדער טויג צו זיין א מיסיונער, ווי ס׳האט עס פארציילט דער באבובער רב דא. למעשה, ער איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די חברים אים איבערצורעדן צו קומען מיט אים אויף באבוב. האט ער אים געזאגט, ״וואס רעדסטו מיר צו צו קומען? איך האב א רבי׳ן, וואס ווילסטו?״ ס׳איז נישט געגאנגען. אזוי איז אדורך עטליכע חדשים און ס׳איז בכלל נישט געלונגען, ער האט גארנישט געקענט ברענגען א פרישן חסיד. ער אליין האט זיך צוגעגרייט נאכאמאל צו פארן אויף באבוב צום קדושת ציון, אן קיינעם נישט, וואס זאל ער טון? און אזוי האט ער טאקע געטון, ער איז געפארן, און ער איז אריינגעקומען און ער געבט שלום פאר׳ן קדושת ציון. דער קדושת ציון פרעגט אים, ״אהרן, פארוואס ברענגסטו מיר גארנישט קיין חסידים פון בארניוו?״ זיין וואונדער האט געוואקסן, שוין נאכאמאל בעט אים דער רבי.

ער איז צוריק אהיימגעפארן, ענדליך האט ער געלייגט אן אויג אויף צוויי יונגעלייט, ער האט אנגעפאנגען ארבעטן צו ווערן גאר נאנט מיט זיי. צו איינעם פון די צוויי איז ער געווארן גאר א נאנטער חבר, ער האט אים אנגעפאנגען טון טובות, ער האט אים אנגעפאנגען באדינען און מאכן און טון, וויזן פריינטשאפט, כדי אז ער זאל אים שולדיג זיין הכרת הטוב און ער וועט אים קענען ברענגען א נייעם חסיד פאר׳ן קדושת ציון אויף באבוב.

ס׳איז געקומען די צייט ער דארף נאכאמאל פארן, האט ער זייער צוגערעדט דעם יונגערמאן. דער יונגערמאן האט טאקע שטארק הנאה געהאט פון אים, ער האט זיך אפגעגעבן מיט אים, געשפירט אז ער איז א גוטער פריינט, איז ער מיטגעקומען. ער האט געגעבן שלום פאר׳ן רבי׳ן, פאר׳ן קדושת ציון, און ער זאגט, ״רבי, איך האב געברענגט א חסיד, דעם יונגערמאן האב איך יעצט געברענגט פאר׳ן רבי׳ן.״

האט זיך אנגערופן דער קדושת ציון, ״דו בטלן איינער, דאס האב איך געדארפט? איך האב געדארפט זאלסט מיר אנכאפן א יונגערמאן וואס איז נישט א באבובער חסיד און מיר אהערברענגען? איך האב געמיינט דו זאלסט אריינפגר׳ן אין איינעם! ס׳פעלט מיר עפעס חסידים? וואס האסטו געטראכט? דאס האב איך געמיינט? איך בין עפעס אזא מענטש, איך בין אזא רבי וואס דו וועסט מיר טון א גרויסע טובה אז דו וועסט מיר ברענגען א חסיד? דאס זענען דיינע השגות אין מיינע ווערטער? דו האסט נישט פארשטאנען וואס איך האב געזאגט. איך האב געזאגט אזוי: ווען ס׳קומט א נייער איינוואוינער אין א שטאט, אזוי ווי דו, וואס דו ביסט א נייער איינוואוינער אין די שטאט בארניוו, וועסטו זיך אויפפירן ווי ס׳דארף צו זיין, וועסט אויפשטיין צופרי לערנען, וועסט זיך אויפפירן מיט יראת שמים, וועסט נישט רעדן קיין דברים בטלים, וועסט זיך אויפפירן ווי א בן עליה מיט מידות טובות, מיט תורה, עבודה, יראת שמים און חסידות. וועסט זיין וואויל בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, וועסט טון מצוות און מעשים טובים, וועסט טיילן צדקה, וועסט גיין נאך געלט פאר אידישע קינדער.

וואס וועט די עולם זאגן? ״קוק אן א טייערער אינגערמאן! ער לערנט, ער דאווענט, ער איז מקיים מצוות, ער איז עוסק אין צדקה, ער האט גוטע

# פנים מאירות א לעכטיגן גוט מארגן א שבוע של שבועות ראש חודש סיון תשפו

**קול פנים מאירות 845-414-8211 מערכת 845-414-8212**

מידות. קוק ווי ער דאוונט, קוק ווי ער לערנט, קוק זיין באנעמונג מיט מענטשן, קוק וויאזוי עס קוקט אויס א שבת, קוק זיין כח, קוק זיינע נעכט, קוק זיינע טעג.״ אזוי וועלן מענטשן רעדן. מענטשן וועלן פרעגן, ״וואו באלאנגט דער אינגערמאן?״ וועט מען זאגן, ״וואס הייסט? ער איז א באבובער חסיד.״

ממילא די התפעלות פון דיין הנהגה וועט ברענגען אז ס׳וועלן זיין מענטשן וואס וועלן זיך וועלן גיין צו די רבי פון וועם דו האסט זיך געלערנט דורך דיר וועט ארויסקומען א קידוש השם. דאס האב איך געמיינט צו זאגן אז דו ברענגסט מיר נישט קיין חסידים. איך האב געמיינט ארויסצוברענגען, דו פירסט זיך נישט אויף מיט אזא הנהגה אז די שטאטס לאט זאלן נתפעל ווערן, און דורכדעם זאלן זיי וועלן קומען קיין באבוב? נישט ווייל איך וויל דו זאלסט מיר ברענגען חסידים.

די גמרא זאגט אין יומא פ״ו ע״א, ״ואהבת את ה׳ אלקיך - שיהא שם שמים מתאהב על ידך״. אז א מענטש זאל זיך אויפפירן אז ס׳זאל זיין דורך זיין הנהגה זאל צושפרייט ווערן די אהבת השם. מ׳זאל זאגן, ״וואויל איז דער וואס האט אים געבוירן, וואויל איז ווער ס׳האט אים געלערנט תורה.״ ״ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר״ - דער הייליגער באשעפער בעט פון אונז, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אונז זאלן אים ברענגען חסידים.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען א איד פירט זיך אויף פנים מאירות אש״בש, אין די שווערסטע נסיונות, ער ברענגט חסידים פאר׳ן הייליגן באשעפער. ווען א מענטש איז אין אן עת צרה, ווען א מענטש איז אין אן עת הסתרה, ווען א מענטש שפירט זיך דערוויטערט, ווען א מענטש שפירט, ״אוי, רבונו של עולם, איך האב אלעס פארלוירן, איך האב גארנישט, איך האב נישט צו וועם צו רעדן, קיינער קימערט זיך נישט מיט מיר, קיינער זארגט נישט פאר מיר, איך בין א גארנישט״ - מ׳רופט עס היינט, ״איך בין א נאמבער, איך בין אליין״.

ס׳איז צי ס׳איז א קינד אין תלמוד תורה, א בחור אין ישיבה, א יונגערמאן אין כולל, א איד אין זיין בית המדרש, אין זיין שכונה וואו ער וואוינט, א מיידל אין די שולע, אין די מיטל שולע, אין די הויכע שולע, ווייבלעך, עלטערע פרויען, מיטל-יעריגע פרויען - מ׳שפירט זיך, קיינער אינטערעסירט מיך נישט, קיינער דארף מיך נישט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, און אזא צייט פיר דיך אויף פנים מאירות אש״בש, האב קיינעם נישט פיינט, טראג נישט קיין שנאה, זיי מקיים די תורה פון ״לא תשנא את אחיך בלבבך״, פון ״לא תקום ולא תטור״, פון ״ואהבת לרעך כמוך״, ״בכל דרכיך דעהו״, ״והלכת בדרכיו״. שטארק זיך מיט א פנים מאירות אש״בש, שטארק זיך צו ליב האבן יעדן איד, סובל זיין יעדן איד, שטארק זיך אויף די מצבים.

דעמאלטס וועלן מענטשן זאגן, ״דו זעסט די מדות פון דעם מענטש? דו זעסט די אמונה און בטחון? דו זעסט די קדושה, די טהרה, די אידלקייט, די הכנעה, די שפלות הרוח, די דביקות הבורא, די דאווענען, די לערנען, די שבת, די יום טוב, די לבוש, די קליידונג, די וועג פון רעדן, די וועג פון קוקן? אה, דאס איז דאך אזוי לעכטיג! מיין טייער קינד, פון וואו נעמסטו דאס?״ וואס הייסט איך לעב מיט מוח שליט על הלב? איך הער די פנים מאירות שיעורים. נישט נאר די גוט מארגן שיעורים, איך הער אלע שיעורים, איך לעב די שיעורים. בין אדם למקום, בין אדם לחבירו, בין איש לאשתו, צווישן תלמידים ותלמידות און זייערע מחנכים און מחנכות, צווישן איין איד און צווייטן, ביני ובין בני ישראל, צווישן אידישע קינדער און די אייבערשטער. די טויזנטער טויזנטער שיעורים, איך האלט מיט, און איך הער נאך א אפטיילונג און נאך א אפטיילונג, ברענגט מען נאך אידן אריין ליב צו האבן די אייבערשטער, ליב צו האבן אידישקייט, ליב צו האבן ערליכקייט, צו זען אז מ׳דארף גארנישט פונעם גוי, צו זיך פארמיאוס׳ן פון די גוי׳אישע וועלט, צו מאכן זיס די היימישע אידישע לעכטיגע תורה׳דיגע וועלט. הייליגע לעכטיגע קינדער, דאס איז אונזער עבודה, הכנה לקבלת התורה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל׳טס אלעס גוטס, כל מיני ישועות, כל מיני ברכות, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**מודעה!**

**עליונים ששו ותחתונים עלזו. מיט גרויס פרייד טוען זיך אנשי שלומינו אין מאנטשעסטער זיך צוזאמנעמען כאיש אחד בלב אחד צו הערן פון כבוד קדושת רבינו שליט"א דברי חיזוק און הכנה צום הייליגן יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה, וואס וועט פארקומען דעם מאנטאג 9 אזייגער ביינאכט {מאנטשעסטער זייגער} בבית ידידנו ר' שמואל לעוו שליט"א, נומער 1 ברידזש סטריט.**

**מען וועט עס קענען מיט האלטען לייוו האוקאפ נאמער 9**

אויף די פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו פון אנדערע געגנטער, וועלן אונזערע עסקנים צושטעלן דירות נאנט צום בית המדרש פאר די וואס ווילן מיטהאלטן די געהויבענע יום טוב שבועות בחצר הקודש. ביטע לאזט א מעסעדזש מיט אייער אינפארמאציע אויף 845-414-8212, עקסטענשאן 1.

**קול פנים מאירות**

**שיעורים אויף אלע עניני החיים תכונת הנשמה הנפש והגוף עס ברענגט א נעימות החיים**

**פנים מאירות אשב״ש א׳מונה ש׳לום ב׳טחון ש׳מחה**

**845-414-8211**